מפעל הפצת תהלים פרעזענטירט

# ניסים דורך תהלים



הרב שלמה טויסיג • ר' יואל פאלקאוויטש • ר' לייבי ווייעדער • ר' יואל קליין • ר' חיים בלומענפעלד

ר' חיים גרין • ר' עקיבא געלב • ר' אהרן יוסף שפילמאן • ר' שלום מרדכי רובאשקין

ילדי הפלא: אברהם חיים גרין • יואלי גליק • שלום סאאל • עם פרחי שיר ושבח

חיבורים ע"י לייבי מאשקאוויטש

BONUS TRACK
אודה השם
ARRANGED BY
AVRUMI BERKO

# CREDITS

**Executive Producer:**
Shmily Moskowitz
**Directed By:**
Leiby Moskowitz, Gershy Schwarcz
**Music Arranged by:**
Shimon Strohli

**Vocals Recorded at:**
Edgware Studios, Monsey NY
Chaim Banet Studios, Israel
Silversonic, Boro Park NY
Shir V'shevach Studios, Airmont NY
MK Studios, Monroe NY
Fragish Studios, New Square NY

**Vocals Engineered by:**
Gershy Schwarcz
Yidel Rosenfeld (Track 4)
Zishe Schnitzler (Track 5)
Chaim Meir Fligman (Track 7)

**Mixed by:** Gershy Schwarcz, NY
**Mastering by:** Yaniv Balas, Israel

**Choir Vocals Arranged by:**
Gershy Schwarcz, Yossi Glick

**Conducted by:**
Yossi Glick, Moishe Hertzel

Shimon Yoel Singer
Yossi Glick
Moishe Hertzel
Meilech Bek
Shulem Feder
Eli Spitzer
Dovid Kenig
Chaim Buxbaum

**Kids Choir:**
Pirchei Shir V'shevach

**Arranged and Conducted by:**
Chaim Meir Fligman

Hershy Fligman
Toivy Einhorn
Avrumi Badansky
Yida Arye Engel
Gedalya Dovid Klipnick

**Design by:**
3-dh Designs

בס"ד




Finally,
A Gift That's
**Appreciated**

**1 Card.**
170 + Stores.
**1,000's of gift options.**

**Best Simcha Gift.**

No need to run around searching for the 'right' gift. Always available at a supermarket next to you!

**Find JiftCard in your local supermarket!**

**718-THE-JIFT (843-5438) www.JiftCard.com**

**לחנים** | ר׳ פנחס מרדכי וועבער , ר׳ משה גאלדמאן ע״ה
**ביצוע** | הרב שלמה טויסיג | **חרוזים** | לייבי מאשקאוויטש

# 1 נסים דורך תהלים

העושה גדולות, ישועות רפואות
געפועלט אסאך פאר יודן אין די וועלט איבעראל
ברכות און השפעות, גרויסע זכיות
געברענגט האט עס פאר כלל ישראל

נישט קיין חילוק ווען און וואו, אייביג איך טוה-עס
תהלים מיט כוונה זאג איך אלעמאל
מורא׳דיגע מעשיות, געשיכטעס און שמועות
ניסים דורך תהלים אן א צאל

ניסים דורך תהלים
אין יעדן דור
ניסים דורך תהלים
עד אין מספר
ניסים ונפלאות, ונפלאות, עד עד אין מספר
ניסים דורך תהלים
אזא לעכטיג אור
ניסים דורך תהלים
עד אין מספר
נסים ונפלאות, ונפלאות, עד עד אין מספר

דער באשעפער הערט אונז אויס ׳מבין ומאזין׳
אפילו אין א מצב א שמאלן, אן ענגן
ער געט געזונט מיט נחת און פרנסה צו שפייזן
דו דארפסטוך נאר אביסל אנשטרענגן

דער כח פון תהלים איז שטערקער ווי אייזן
נישטא קיין איין מינוט צייט צו פארברענגן
דו אליין, יא דו אליין, דו קענסט עס באווייזן
נסים דורך תהלים צו ברענגן

נסים דורך תהלים
אין יעדן דור
ניסים דורך תהלים
עד אין מספר
ניסים ונפלאות, ונפלאות, עד עד אין מספר

ניסים דורך תהלים
אזא לעכטיג אור
ניסים דורך תהלים
עד אין מספר
ניסים ונפלאות, ונפלאות, עד עד אין מספר.

ביי יעדע צרה, לא עלינו
דער תהלים איז דער איינציגסטער אדרעסס
נריעה לצור ישענו
אינגיכן זעהט מען שוין דעם גרויסן נס

אין יעדן דור ווען עומדים עלינו
אינקוויזיציה, קרייצציגלער אדער עס-עס
והקב״ה מצילנו
דעם תהלימ׳ל געברענגט דעם גרויסן נס.

CORE

SCAFFOLD SYSTEMS INC.

לחנים | לייבי מאשקאוויטש, ר' פנחס מרדכי וועבער | ביצוע | ר' יואל פאלקאוויטש
עם ילד הפלא | יואלי גליק | חרוזים | לייבי מאשקאוויטש

# 2 בערגן בעלזן

שווארצע וואלקענעס העכער אייראפע אויסגעשפרייט
פאר יודן איבעראל א שווריקייט נאך א שווריקייט
נאך א באמבע, נאך אן אויפרייס
ס'איז א סכנה צו גיין אויפ'ן גאס
נישט פארשיקט צו ווערן צום טויט חלילה וחס

מיט'ן געלן שטערן, אין געטא זיך באנוצט
די לאגער נומערן מיט פייער אין האנט אריינגעקריצט
'ארבעט מאכט פריי' אויף די טויערן
געשרייען וואס לעכערן די אויערן
זעקס מיליאן יודן האט כלל ישראל פארלוירן

אין אן אלטע הייזקע אין די הויפט שטאט ווארשע
געווען אזא מעשה אינמיטן די בלוטיגע פרשה
די נאציס מיט געוואלד און דראמא
אוועקגעשלעפט א טאטע און א מאמע
פאר מיין קינד עפעס זאגן, כ'וועל איהם מער נישט זעהן מסתמא

מיין קינד הער מיך צו, כהאב נישט געגלייבט מיר וועלן זיך שיידן
איין זאך לאז איך פאר דיר, דאס תהלימ'ל פון דיין זיידן.
נעם עס מיט דיר מיט אלעמאל.
פארגעס נישט טאטי מאמי קיינמאל.

כי מלאכיו יצוה לך, ער היט דיך דער שומר ישראל

פון טאטע מאמע זיך געשיידט
מיטגענומען דעם תהלים וואו נאר ער גייט
ס'וועט איהם נישט אפשטעלן גארנישט אין די וועלט
אפילו זיין לעבן איינגעשטעלט

געמוטשעט טאג און נאכט, קוים געכאפט דאס אטעם
דארטן אין לאגער ביי די שטעכל דראטן
ווען ער פלעגט זיך פילן אין דערטרענקעניש
פלעגט ער זינגען מיט בענקעניש

אוי טאטי וואו ביסטו.
מאמי וואו ביסטו.
מיט צער און פיין, אזוי קליין
מיך איבערגעלאזט א יתום אליין
צו ענקער ליבשאפט און געטריישאפט טוה איך אייביג בענקן

מיין תהלים דא ביסטו
מיך בארוהיגן טוסטו
איך וועל נישט אויפגעבן ביז מיין לעצטע טאג
טאטע כ'וועל טוהן וואו דו האסט געזאגט
דעם זיידנס תהלים וועל איך אייביג געדענקן

על אלה אני בוכיה.

מיט בטחון שטערקער פון פעלזן
אינעם ארבעטס לאגער בערגן בעלזן
שטארקט זיך אפרים כאטש די מצב איז שווארטץ
ביי יעדע שווערקייט פול מיט קוראזש
דעם קליינעם תהלימ׳ל ביי זיך אין בוזעם טאש
ס׳האט איהם אייביג באגלייט, ער האלט עס נאנט
צו זיין הארץ.

רוב פון זיינע חברים שוין לאנג זיי לעבן-נישט
יעדע טאג א פרישע באגרעבעניש
נאך א יוד אוועק פון דער וועלט תהא נשמתו צרורה
מיט מסירות נפש כאטש די מצב איז שמאל
צו ברענגן א יוד לקבר ישראל
געגראבן מיט די אייגענע הענט א מקום קבורה

זכרונות צוריק מיט יארן
מישט ער אויף אין זיין זכרון
אלס קינד אין ווארשע פאר די ביטערע צייטן
כ׳קען מער נישט דא בלייבן בשום אין אופן
ער הייבט אן וועבן פלענער וויאזוי צו אנטלויפן
פון גארנישט מורא, ער האט דאך די תהלים פון
זיין טאטן

יענע נאכט כחצות הלילה
אינדרויסן איז חושך ואפילה
מיט קאפיטלעך אויף זיין ליפן הייבט ער אן צו גיין
צו די וואלד
מיט א מעסער שניידט ער אויף די דראטן פון
שטעכל
שטילערהייט קריכט ער ארויס פונעם לעכל

פלוצלונג ווערט ער פארפרוירן ער הערט איינער
שרייט אויס ׳האלט׳

שמע ישראל השם אלוקינו
טאטע האב רחמנות אויף אונז רחם עלינו
אויסגעהרג׳ט מיליאנען מענטשן
מיין גאנצע משפחה פארברענט-שוין
דער רשע האט שוין זיין ביקס ארויסגעצויגן

שמע ישראל ה׳ אלוקינו
אפילו חרב חדה מונחת על צוארינו
שיר המעלות מממעקים
ביסטוך דער מציץ מן החרכים
זעה די טרערן וואס רינט פון מיינע אויגן

טרערן פון זיינע אויגן פליסט
ווען פלוצלונג דער נאצי ער שיסט
א געשריי מ׳הערט
געפאלן צו דער ערד
פון שרעק איז אפרים
דער נאצי הרג׳נען ער וויל איהם
די קויל איז אריין אין זיין תהלים
ווען נישט זיין זיידע׳ס תהלים איז ער שוין מער
נישט בין החיים

גערא‏טעוועט און אנטלאפן צו דערווייטן
געקעמפפט קעגן די דייטשע סאלדאטן
מיט די פארטיזאנער
ביז די אמעריקאנער
האבן אין דייטשלאנד באלבאטעוועט
אויפגעשטעלט ווייטער א דור
און געדענקט אייביג אז נאר
די זכות פון זאגן תהלים האט איהם גערא‏טעוועט.

**לחנים** | ר׳ מאטי אילאוויטש, עממי | **ביצוע** | ר׳ חיים גרין, ר׳ אהרן יוסף שפילמאן ופרחי שבח | **חרוזים** | לייבי מאשקאוויטש

# 3 סימן טוב

מזל טוב להבחור **החתן לייבי מאשקאוויטש** לרגל אירוסו
עב״ג ר׳ שלום יעקב מערמלשטיין, יהי רצון שהזיווג יעלה יפה

קינדער אין די רייען
צום שדכן זיי גייען
כהרף עין
פארט די צייט
דאס הארץ פול מיט ווייען
צום טאטען זיי שרייען
אוי עזרי מאין
שוכן עד

תהלים בציבור א רעיון
פון צרות באפרייען
דעם טאטען געטרייען
אונזער קרוין
א שידוך א נייען
מ׳קען זיך שוין פרייען
לאמיר טרינקן לחיים
טאקע שוין

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בשמחה ובצהלה
א נייע חתן כלה
ס׳איז א דבר נאה ומתקבל

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בזכות תהלים בציבור
געשעהן א נס דעריבער
א בית נאמן בישראל

אן קינדער אינדערהיים אזא חסרון
ער לויפט ארום איבעראל חדשים און יארן
מיט ווייטאג אן אויפהער
געלטער מער און מער
לויפט אהין און אהער
ער גיבט שוין אויף

מ׳זאגט תהלים בציבור צוזאמען בקול רמה
פלוני בן פלוני לזרע של קיימא
בציבור מיט א חיות
זאגט מען תהלים בכל עת
ווען פלוצלונג קומט די נייעס
אז מזל טוב

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בשמחה ובצהלה
פולע ברכות וואונטשען אלע
ביי די שמחה יעדער נעמט דארט אנטייל

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בזכות תהלים בציבור
געשעהן א נס דעריבער
א קינד געבוירן אודה לקל.

א גוטע בשורה ווארט מען צו הערן
מ׳שטייט מיטן תהלימ׳ל און מ׳בעהט
צום ריכטיגן וועג וויל א יוד צוריקקערן
די תהלימ׳ל ווייזט איהם אז ס׳איז קיינמאל נישט שפעט

יודוש בלוט גיסט זיך אין אלע גאסן
אומשולדיגע נשמות אוי עד מתי
תינוקות של בית רבן טוען וועלטן איינרייסן

## אפילו די תהלימ׳ל וויינט מיט מיט זיי

תהלימ׳ל תהלימ׳ל וואו טוט דיך נישט שטערן
אזויפול טרערן
אין דיר איינגעזאפט
אונזערע ווייען
ביטערע געשרייען
ווי קענסטו אויסהאלטן אויף דיין טיר מ׳קלאפט

די אלע בקשות
פון צובראכענע נפשות
זייער געוויין
בלייבט נישט שטיין
אן עת רצון טוט ווערן
אין הימל טוט מען הערן
דאס קול פון דוד המלך אליין

דוד דוד, בעהט ביים כסא הכבוד
נעם דיינע שעפעלעך ארויס פון גלות
אויפן שטוהל גיי ארויף, דיין פאלאץ בוי אויף
את סוכת דוד הנופלת.

דער מצב א שמאלן
כסף מנלן
פון וואו צו באצאלן
האט ער נישט
אינגאנצן צובראכן
טעג און וואכן
מיט חובות פארקראכן
טרערן ווישט

בציבור גאר הויעך
האט תהלים א כח
כריח ניחוח
גייט ארויף
פלוצלונג מעלדט-ער
אסאך סחורה באשטעלט-ער
באקומען די געלטער

## מזל טוב

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בשמחה ובצהלה
א לעבן א נארמאלע
ער פרייט זיך שוש תשוש ותגל

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
בזכות תהלים בציבור
געשעהן א נס דעריבער
אלע זעהען כי עמנו קל

יודעלע געדענק, נישט קיין חילוק ווען
תהלים מיט א ציבור אויספועלן אלעס קען
נישט קיין חילוק וועלעכע זמן
ס׳איז אייביג דא א פלאן
שטארק מוז מען זיין
ווי א גיבור

וואס דו בעהטסט דיך אויס ביסטו שטענדיג בטוח
וכל אשר יעשה וועסטו זיין מצליח
דער באשעפער מיט רחמנות
נעמט אן דיין כוונות
מ׳דארף בעטן מיט עקשנות
אביסעלע שתדלנות
מקען נישט אנגיין אנ-עס
ס׳ראטעוועט פון סכנות
תהלים בציבור

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
תהלים בציבור האט א קראפט
פולע ברכות עס פארשאפט
נאך א נס צו געבן א דערצייל

סימן טוב ומזל טוב, יהא לנו ולכל ישראל
ס׳ברענגט נסים ונפלאות
נעמט אוועק גזירות רעות
באגלייט אונז בכל יום וליל.

**לחנים** | עממי, ר׳ פנחס מרדכי וועבער
**ביצוע** | ר׳ חיים בלומענפעלד | **חרוזים** | לייבי מאשקאוויטש

# 4 דער קרוין

אינעם קעניגליכן וואגן ווייטע מיילן
זיצט דער קעניג מיט זיינע גענעראלן
צום שטאטישן וואלד זיי טוען זיך איילן
זיי פארן דורך פעלדער וואסער-פאלן

מיט סאלדאטן פון די העכסטע ראנגען
אין וואלד נעבן גיפטיגע שלאנגען
א פייל און בויגן פאר יעדעם דערלאנגען
חיות און פייגל צו פאנגען

פלוצלונג נעמט זיך דונערן און בליצן
יעדער לויפט אין וואלד מ׳צושפרייט זיך
מ׳זוכט א פלאץ זיך צו שיצן
פון די רעגן וואס פארפלייצט זיך

דער קעניג טרעפט אן א דארפסמאן
אפשר נעמסטו מיר אריין ביי די פארפ־
לייצונג
מיט א שמייכל נעמט ער איהם אריין
און ווארעמט איהם אן ביי זיין הייצונג

די מיליטער הייבט אן א זוכעניש
זיי טרעפן נישט דעם קעניג אינגיכן נישט
נישטא קיין ביימל אויף וואס זיי קריכן נישט

וואו דער קעניג איז ווייסט קיינער פון די
מלוכה נישט

ענדליך טרעפט איהם די גאנצע בריגאדע
אדוני המלך מיט פאראדע
מיט אונזער וואגן קומסטו אוודאי
אנטוהן דיין קרוין, דיין שווערד חרב חדה

דער קעניג שרייט ניין, קיינמאל נישט
אין וואלד איז יעדער אנטלאפן
פון מיר נישט געטראכט אפילו איינמאל נישט
נאך א מזל כ׳האב דעם דארפסמאן געטראפן

כ׳וויל גיין מיט זיין פשוט׳ן וואגן
צום פאלאץ מיט איהם מיט גיין שוין
ער וועט מיר צום שטוהל ארויפטראגן
און מיר אנטוהן מיין קעניגליכער קרוין.

דער משל זאגט אונז דער הייליגער ר׳ נחמן
בן פיגא
דער באשעפער קומט אראפ צו אונז אויף א
נידריגע מדריגה
׳דער קעניג׳ מיינט מען דער שליט בעליונים

ובתחתונים
דער הייליגער באשעפער דעם שוכן מעונים

דער קעניג קומט 'אין וואלד' דאס מיינט מען
דעם גלות המר
מיט זיינע 'סאלדאטן' קומט ער אונזער גרויסער
האר
זיינע מלאכים וואס טוען איהם שטענדיג
באגלייטן
פלוצלונג נעמט זיך 'רעגענען' דאס מיינט מען
נסיונות, שוועריקייטן

די וועלט איז פול מיט חורבנות
יעדן טאג פרישע קרבנות
כלל ישראל מאכט ליידער מיט צרות צרורות
אזויפול קראנקע וואס שרייען צעקות
שטעכרייען און טעראר אטאקעס
פון אלע עקן פון דער וועלט אזעלעכע שווערע
בשירות

שכינתא בגלותא המר
אני עמהם בכל צער וצער
דער באשעפער אויך אין גלות וויל זעהן ווער
ס'קומט צו איהם'ן
דער יודל נעמט א תהלים'ל אין די הענט
ער וויינט פאר'ן באשעפער און ס'וויינען מיט
די הענט

טאטע יא איך געדענק דיך אפילו אין צרות און
פראבלעמען

ווען משיח וועט קומען
וועלן אלע באשטימען
מלך מלכי המלכים
מיט פאראדע אין ציון
דיר אנטוהן דיין קרוין
די הייליגע מלאכים
דער באשעפער וועט באפעהלן ניין ניין
נאר מיינע קינדער זיי אליין
פון מיר נישט פארגעסן, ס'קומט זיך זיי דער
באלוין

אפילו בצער
אין שטענדיגע געפאר
כשה אחד בין שבעים זאבים
אויסדערוועלט מכל עם
פוהל צרות און פאגראם
פון די רוסן, די געסטאפא אדער סיי וועם
און אפילו דארט פון מיר נישט פארגעסן
מיט'ן תהלים אין די הענט אין תפיסה געזעסן
זיי אליין וועלן מיר אנטוהן מיין קעניגליכער
קרוין.

# 5 די מעלות

**לחנים** | ר׳ יואל קליין עם ר׳ ישעי׳ גראס, ר׳ משולם גרינבערגער | **ביצוע** | ר׳ יואל קליין,
ר׳ עקיבא געלב | **עם ילד הפלא** | אברהם חיים גרין | **חרוזים** | לייבי מאשקאוויטש

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן די מעלות פון
זאגן תהלים.

לכו נרננה לה׳ נריעה לצור ישענו נקדמה פניו
בתודה
בזמירות נריע לו כי אל גדול ה׳ ומלך גדול על כל
אלקים.

די מעלה די מעלה
פון תהלים ווייסן אלע
מאוד מאוד נתעלה
ס׳גייט ארויף למעלה

ממעלה כל משאלות
דער באשעפער הערט אויס אלעס
מ׳פילט אזא התעלות
תהלים האט אזויפול מעלות

קורעים לו גזר דין של שבעים שנה
ווען דו זאגסט נאר תהלים מיט אביסעלע כוונה
אויך פאר דיין משפחה געבט מען די מתנה
און פון דיין גאנצן דור, דו נעמסט אוועק א יעדע
סכנה

די כוחות פון תהלים זענען איום ונורא
ווער ס׳זאגט עס שטענדיג איז די שכינה דארטן
שורה
ס׳מעקט אויס אלעס שלעכטס, ליהודים היתה אורה

פינף ספרים תהלים כנגד חומשי תורה

דוד המלך פאר אונז געווען מטריח
מיט רוח הקודש פאר אונז געווען מבטיח
אז אין אלע צייטן ביז ס׳וועט קומען משיח
וואס דו וועסט נאר בעטן וועסטו אייביג זיין
מצליח.

דוד המלך ע״ה היה מתפלל, על כל הענינים
שצריכים ישראל עד ביאת משיחנו
על החולים שיתרפאו
על הברואים שלא יחלו
ועל פרנסתם שיתברכו
ולבטל מהם כל גזירת קשות

אלע חולים אויסצוהיילן
אלע מענטשן, ברכות טיילן
נאר גוטע בשירות צו דערציילן
דער כח פון תהלים איז גאר גרויס
ס׳נעמט אוועק גזירות קשות.

אויבן אין הימל אזא גרויסע כח טראגט-עס
אלע מינע סגולות די איין ספר׳ל פארמאגט-עס
פון אלע מזיקים כפרות שלאגט-עס
דוד המלך אליין קומט און העלפט פאר ווער עס
זאגט-עס.

# לעילו נשמת ולזכרון נצח

איש החשוב ומפורסם במעשים טובים

## מוה"ר שמואל ב"ר יהושע ז"ל
## נפטר בשם טוב ט"ז אדר

האשה החשובה המפורסמת במעשיה הטובים

## מרת שרה גאלדא ב"ר צבי ישכר דוב ע"ה
## נפטרה בשם טוב כ"ד שבט תשס"ה לפ"ק

---

מיט זייערע געוואלדיגע מידות טובות,
א ביישפיל פאר אונז געווען.
צדקה און חסד שטענדיג ביי זיי געזעהן.
מיט'ן תהלימ'ל אין די הענט, אויסצובעטן פאר זייערע דורות,
אייביג געווען גרייט
מיט די אלע זכותים זאלן זייערע נשמות ווערן באגלייט.

---

הונצח ע"י משפחתם הי"ו

## תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

# 6 א מאמע'ס טרערן

**לחנים** | ר' מאטי אילאוויטש, ר' אנטשי פריעדמאן
**ביצוע** | ר' לייבי וויעדער | **חרוזים** | לייבי מאשקאוויטש

אפעראציע קוים איבערגעלעבט-שוין
א פרישע מחלה ביי איהם וועבט-שוין
צו טוהן פאר איהם ס'איז ליידער נישטא-וואס
רפואה שלימה צעטלעך מ'קלעבט-שוין
דער חולה אין בעטל ער שוועבט-שוין
בין החיים ובין המוות

די רבי בעהט רחמי שמים
גיסט אויס דאס הארץ שפכי כמים
ווי פייער פלאקערט זיין געטליכע צורה
די תלמידים דארטן פרעגן זיי-איהם
פון הייליגער חפץ חיים
פאר די מאמע צו מ'קען דערציילן די בשורה

דער חולה האט אן אלטע מאמע
זי ווייסט פון גארנישט מסתמא
קיינער האט איר נישט געטוהן מיטטיילן
שוין חדשים, וואכן לאנג
איר זוהן איז ביטער קראנק
אפשר שיקט מען איינעם צו דערציילן

דער חפץ חיים באפעהלט גאר שארף
קיינער נישט אהינגיין דארף
זי וועט עס חלילה נישט אויסהאלטן

ס'איז א סכנה אהינצוגיין
ווייל ווער קען דען פארשטיין
דאס הארץ פון א מאמען אן אלטן

לאמיר בעטן ה' אלוקים
קל מלא רחמים
אונזערע תפילות זאלן ארויפגיין למעלה
ה' שמעה בקולי
והסר כל חולי
ווייל שערי דמעות לא ננעלו.

יהי רצון מלפניך שומע קול בכיות
שתשים דמעותינו בנודך להיות
ותצילנו מכל גזירות קשות אכזריות
כי לך לבד עינינו תליות

יהי רצון מלפניך מלך חי וקיים
הייל אויס חולי ישראל, נעם אוועק די ווייען
א באוויסטע כלל אז צדיק גוזר והקב"ה מקיים
אפילו ס'איז שוין פארמאכט די שערי שמים

ווייל, שערי דמעות לא ננעלו

די צער און טרויער יעדער איינער שפירט-שוין

דער חפץ חיים א תלמיד ער פארלירט-שוין
פון הימל האט מען אנדערש געפירט-שוין
דער חולה אוועק, יעדער איז שאקירט-שוין.

די מאמע באקומט די בשורה, אין הארץ עס
ברענט א ברענעניש
זי צינדט א נר נשמה, פון אויגן גיסט הייסע
טרערן
די תלמידים מיטן רבי'ן צו מיר געקומען זיי
זענען-נישט
דערציילן אז מיין זוהן האט א מחלה א שווערן

מיט ווייטאגליכע קרעכצן, שרייט זי צום חפץ
חיים
א מאמע איז נאר דא איינס, מ'טוט נישט מער
טיילן
אז מיין זוהן איז געלעהגן, בין המוות ובין
החיים
ווען דען אויב נישט פאר די מאמע דערציילן

מאמע, אייער קינד'ס נשמה זייער הויעך-איז
איהם צו האלטן ביים לעבן כ'האב פרובירט מיט
אלע מיינע כוחות
כ'האב נישט געוואלט אז איר
זאלט וויסן פריער
איר וועט עס נישט איבערטראגן
דערפאר האב איך גע'אסר'ט אז קיינער זאל
נישט זאגן

פון הימל האט מען אזוי געוואלט, געדענק
מאמע טייערע
ארויפגערופן זיין נשמה, זיי מקבל די גזירה
אוי רבי פארשטיי
געט זי א געשריי
ווי גרויס איז די כח פון א מאמע
'ווען איך בעהט ווען פאר איהם, איז ער נאך
דא מיט אונז מסתמא'

זאלט איר וויסן, שרייט זי מיט א ברען
א מאמע פועלן אלעס קען
ווען זי זאגט איר תהילים מיט א טרער אין
די אויגן
ווייל די תפילות פון א מאמע פאר אירע
קינדערלעך
ברעכט אויף אלע טויערן אזוי ווינדערלעך
זי בעהט אז פאר איר קינד זאל אייביג אלעס
טויגן

והשב ישראל לנויהם
מיט משיח קיין ירושלים
נאר ווייל מאמע רחל וועט מיט תפילות
פארמערן
רחל מבכה על בניה
אלי ציון ועריה
בזכות פון דעם וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן

אוי אין זכות פון א מאמע'ס טרערן.

**לחן וחרוזים** | לייבי עם הערשי מאשקאוויטש
**ביצוע** | שלום סאאל, פרחי שיר ושבח, ר׳ גרשון שווארטץ

# 7 ממעמקים

שיר המעלות ממעמקים קראתיך השם
השם שמעה בקולי תהיינה אזניך קשיבות לקול תחנוני

אין גלות ווי קנעכט, ממעמקים
מ׳זוכט דיך מיט לעכט, ממעמקים
מ׳שרייט טעג און נעכט, ממעמקים

אין אוישוויץ געליגן, ממעמקים
געזינגען די ניגון, ממעמקים
אין פייער געשריגן, ממעמקים

**לחן** | ר׳ חיים בלומענפעלד | **ביצוע** | ר׳ חיים בלומענפעלד עם פרחי שיר ושבח
| **עיבוד** | ר׳ אברהם בערקוי | **קלרינת** | ר׳ אברהם באלטי

# 8 אודה השם

אודה השם מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו
על כל החסד אשר עשית עמדי
ואשר אתה עתיד לעשות עמי ועם כל בני ביתי

טאטע איך דאנק דיר על העבר, פאר אלעס וואס דו טוסט צו מיר
איך בעהט אויף ווייטער על העתיד, דיין חסד איז אן א שיעור

# Grand Collision

GRAND COLLISION INC.

33 Grand Ave.
Brooklyn NY 11205

Direct (718) 852.3530
Fax (718) 852.3533
Office (718) 875.4570
Grandcollisioninc@gmail.com

# SPECIAL THANKS

**השם יתברך, עד הנה עזרונו רחמיך, און א תפלה אויף ווייטער, ואל תטשנו לנצח.**

**שמעון שטראהלי,** א שנעל אויפגייענדע שטערן אין די יודישע מוזיק וועלט, די וועלט ווערט יעצט געוואויער, אונז וויס מיר שוין לאנג.

**גרשי שווארטץ,** א מוזיקאלישער ארטיסט, שווער צו טרעפן אזאנס וואו דיר.

**חיים בלומענפעלד,** ביסט דא געווען שוין פון אנפאנג פונעם פראיעקט, דיינע געדאנקען און דיין שטימע, ערשט קלאסיג.

**מאטי אילאוויטש,** דיינע ניגונים באלייכטן די וועלט, שכח פאר אלעם.

**הרב לייבוש ליש,** אריינגעלייגט אזויפיל צייט צו ברענגען פאר כלל ישראל דעם קול שלום מרדכי.

**חיים מאיר פליגמאן,** אזויפיל הארץ, אזויפיל טאלאנט, אזויפיל געדאנקען, און וואס נישט.

**מיכאל שניטצלער,** דער קעניג פון יודישע מוזיק.

**יואלי קליין (בהסתרה),** די גאנצע וועלט זינגט דיינע הערליכע ניגונים, ס'איז א שטאלץ דיר צו האבן מיט אונז.

**שלום מרדכי רוזאשקין,** שכח פאר די ווארעמע ווערטער.

**מאיר לאוקס** W-136, **אפרים וויינפעלד** W-309, **יואלי מאשקאוויטש** WSV3, מיט אזא גרופע, איז גארנישט צו שווער.

**אברמי צופניק,** אייביג גרייט ארויסצוהעלפן מיט דיין טאלאנט און צייט.

**הערשי מאשקאוויטש,** אויסערגעווענליכע טאלאנטן און כשרונות, שכח פאר דעם הערליכן מאמעקים ניגון.

**שלוימי באלסמאן,** א מוזיקאלישער אויער, ס'ווייניג דא אזעלעכע.

**אהרן יוסף שפילמאן,** אן ארטיסט מיט א געבענטשטע שטימע.

**יודל דייטש** W-19, דיינע קענטעניסן האבן אסאך צוגעגעבן צום אלבום.

**יוסף משה כהנא,** און די 'לחיים פראדאקשנס' גרופע, סערוויס און קוואליטעט אויף וואס מ'קען זיך פארלאזן, דאס איז נאר דער אנהייב.

**בערי שפירא,** דיין גאונות אין מוזיק דערקענט זיך איבעראל, לך ענו שירה בשמחה.

**אפרים מאשקאוויטש,** כשרונות וואס מ'טרעפט נישט איבעראל, דיין צוקונפט איז גרויס

**ארי פרערויא,** דיין געטריישאפט צום אלבום אין יעדע צייט ווערט דערקענט.

**Willi Pilku**, *Outstanding person, Outstanding personality, an honor being your friend.*

**Oizer Fried**, *Amazing guy, a pleasure working with you.*

**לוי ריבא,** א ווארעמע הארץ צו יעדעם, מ'טרעפט נישט יעדן טאג אזאנס.

**לוי באש,** אייביג מיט דיין שמייכל און אייביג גרייט ארויסצוהעלפן.

**ישעי' פאלקאוויטש, פנחס לייטנער,** א 'Awesome' גרופע, א פארגעניגן מיטצואורבעטן מיט ענק.

**בולא סטרולאוויטש** W-68, אייביג גרייט צו העלפן מיט וואס מ'דארף, מיט דיין שמייכל און גוט ווארט

**אהרן פיקסלער,** דיין צייט און כח קען מען נישט אפשאצן.

**מענדי מערטץ** Double M Productions Recording Studios, אייביג גרייט צו העלפן פאר'ן פראיעקט מיט דיינע טאלאנטן, און אויך ביי רובאשקין.

**ס. ל. מאשקאוויטש, ק. שווארטץ, משפחת שטראהלי,** באגלייט דעם פראיעקט פון די ערשטע מינוט ביז אהער.

**יואלי ווייס, יוסי שטעסל, בנציון ג'ברא. יודל פריעדמאן, חיים הערש שווארטץ, גדלי' וויינבערגער. א. מ. פילאפף, א. ה. מיטעלמאן, מוישי הייזמאן. יעקב יודא שווארטץ, יודל שמילאוויטש, אשר בעליג גאנץ,** ווען מ'דארף א רעכטע האנט, איז עס ענקער אדרעסס, שכח

**אחרון אחרון חביב, שמואלי מאשקאוויטש** W-81, דיינע פינגער-אפדרוקנגען זענען אויפ'ן גאנצן אלבום, דיינע כשרונות און גוט הארץ האבן באגלייט דעם אלבום דורכאויס דעם לאנגן רייזע, די זכות פון תהלים זאל דיר באגלייטן אלע דיינע טעג, שכח


LIFTING SOLUTIONS
BOOM SERVICE
Reliable & Versatile Lifting Solutions
Knuckleboom Service • Crane Service • Flatbed Service
718-437-0055
www.LiftingSolutionsNY.com
pinchas@liftingsolutionsny.com | 116 Beard St | Brooklyn, NY 11231

בס"ד

# A journey of a thousand miles begins with a single step.



## Experience the transformative power of pedorthics.

With our solid foundation in anatomy, physiology, kinetics, and biomechanics of the foot and related pathologies, our redesigned identity is in line with the passion, professionalism, and medical proficiency that has always been at the heart of the Teitelbaum experience.

CERTIFIED FIT
BOARD CERTIFIED PEDORTHISTS

Teitelbaum
PEDORTHICS

BORO PARK 910 46TH ST. BROOKLYN, NY 11219
WILLIAMSBURG 166 ROSS ST. BROOKLYN, NY 11211
718.782.0600 > WWW.ORTHOTICSNY.COM

FOOT AND ANKLE
ARCH AND SOLE
INFANTS & PEDIATRICS
BRACING & SUPPLIES